STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08198

YIDISHE STENOGRAFYE

Aida Liberson-Sercarz

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַײדאַ ליבערזאָן סערקאַרז

ייִדישע סטענאָגראַפיע

•

אַרויסגעגעבן פון
ייִדישן לערער סעמינאַר — הרצליה
(אַן אָפּטײלונג פֿון טוראָ קאָלעדזש)
ניו־יאָרק, 1983

Aida Liberson-Sercarz

YIDDISH STENOGRAPHY

•

Published By
Jewish Teachers Seminary
Herzliah
(A Division of Touro College)
30 West 44th Street
New York, 1983

געווידמעט

מײַן לעבנסבאַגלייטער

משה סערקאַרז, ע״ה

•

Copyright 1983
by Aida Liberson—Sercarz

•

רעדאַקטירט
פון:
יעקב בלאַנק
און מאַניאַ גאָלדבערג

אַריינפיר וואָרט פון די אַרויסגעבער

אַ ריי מאָטיוון האָבן באַוויגן דעם פּאַרוואַלטונגס־ראַט פון יידישן לערער־סעמינאַר (איצט אַ טייל פון טוראָ קאַלעדזש אין ניו יאָרק) אַרויסצוגעבן אָט דאָס בוך "די יידישע סטענאָגראַפיע". ערשטנס, האָבן מיר געוואָלט דערפילן אַן ערן־חוב צו דער פּראָפעסאָרין, חברה אידא ליבערזאָן־סערקאָרז, וועלכע האָט געווידמעט די מערסטע יאָרן פון איר לעבן צו אַנטוויקלען די יידישע סטענאָגראַפיע און דאָס לערנען אירע צאָלרייכע תלמידים. צווייטנס, איז נויטיק צו פאַרצייכענען די ספּעציעלע ראָל פון יידישן לערער סעמינאַר, וועלכער האָט העכער פיר־צענדליק יאָר געהאַט אַ באַזונדערע אָפּטיילונג פאַר יידישער סטענאָגראַפיע, מאַשין־שרייבן און ביוראָ־אָנפירונג. הונדערטער יונגע פרויען — און אויך אַ צאָל יונגע מענער — האָבן פאַרענדיקט די קורסן אין אָט־דער אָפּטיילונג און האָבן פאַרנומען וויכטיקע פּאָזיציעס ווי יידיש־סעקרעטאַרן. דריטנס, האָבן מיר טאַקע געוואָלט אויסדריקן אָנערקענונג צו אָט־דער פּראָפעסיע, וועלכע האָט מער ווי אַ האַלבן־יאָרהונדערט פאַרנומען אַ חשובן אָרט אין אונדזער אַמעריקאַנער יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן. שליסלאַך, האָבן מיר געהאַלטן פאַר נויטיק, ביים איצטיקן באַנייטן אינטערעס אין יידיש אין אַקאַדעמישע קרייזן און ביי די יינגערע דורות בכלל, צוצושטעלן אַן אַרבעטס־בוך פאַר די — אין אַמעריקע, ישראל, און אַנדערע מקומות — וואָס האָבן דעם חשק זיך אַליין צו פאַרנעמען מיט דער קונסט פון יידיש־שנעלשרייבן.

דערצו, איז דאָס בוך היינטווירקלעך אַ יחיד במינו. ס'איז ניטאָ איצט אין דרוק קיין שום אַנדער בוך איבער דער יידישער סטענאָגראַפיע. בכלל זיינען ערשינען ווייניק ביכער אויף דעם געביט, אַפילו אין די "גוטע" צייטן. אונדז זיינען באַקאַנט נאָר דריי וועלכע זיינען דערשינען מיט פופציק־זעכציק יאָר צוריק — נאָר איינע פון זיי אין אַמעריקע — און אַלע זיינען שוין לאַנג ניט בנמצא.

* * *

די יידישע סטענאָגראַפיע איז אויפגעקומען אין אַמעריקע באַזונדערס נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען יידיש איז געווען די אומגאַנגס־שפּראַך פון מיליאָנען ניט־לאַנג געקומענע אימיגראַנטן פון מזרח אייראָפּע. ניט נאָר אין די

רעדאַקציעס פון יידישע צייטונגען און זשורנאַלן נאָר אויך אין צאָלרייכע ביוראָען פון יידישע פראַטערנאַלע און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס און יוניאָנס, און אפילו אין באַנקן און געשעפטן, איז יידיש געווען די שפּראַך אויף וועלכער מען האָט גערעדט און געשריבן. מחמת דעם, האָט זיך געפאָדערט אַ גרויסע צאָל סעקרעטאַרינס וועלכע האָבן געקענט שנעל פאַרצייכענען וואָס מען האָט באַדאַרפט — בריוו, אַרטיקלען, רעדעס — און דערנאָך דאָס "אָפּקלאַפּן" אויף דער יידישער שרייב־מאַשין.

אין אָנהויב, האָט זיך יעדע סעקרעטאַרין אויסגעאַרבעט איר אייגענע מעטאָד פון שנעלשרייבן. אָבער בדרך כלל איז דאָס געווען נישט סיסטעמאַטיש און ניט פאַרלאָזלעך. איינע פון די ערשטע וואָס האָט פרובירט אַנטוויקלען אַן אויסגעהאַלטענע מעטאָדע אין דער יידישער סטענאָגראַפיע, איז געווען די חברה ליבערזאָן־סערקאַרז. נאָכפאָלגנדיק דעם ביישפּיל פון אייזיק פּיטמאַן, וועלכער האָט מיט דריי־פערטל יאָרהונדערט פריער אַנטוויקלט אין אַמעריקע אַ פּאָפּולאַרע סיסטעם פון ענגלישער סטענאָגראַפיע, האָט זי באַשאַפן אַן ענלעכע — אָבער גאַנץ אָריגינעלע — סיסטעם, וואָס האָט אַנטשפּראָכן די אייגנשאַפט פון יידיש־לשון און געברויך. זי האָט איר מעטאָד אָנגעהויבן באַנוצן פריער ביים געבן קורסן אין אַנדערע ערטער, אָבער זי האָט עס פאַרפולקאָמט ווען זי האָט זיך פאַרבונדן מיטן יידישן לערער סעמינאַר אין די אָנהויב דרייסיקער יאָרן. אין סעמינאַר האָט זי אויך אויסגעאַרבעט איר אייגענע סעריע פון איבונגען, וואָס שטעלן מיט זיך פאַר — צוזאַמען מיטן גרונט מעטאָד — דעם גרעסטן טייל פונעם בוך.

אונטער איר לייטונג, האָט זיך די אָפּטיילונג פאַר יידישער סטענאָגראַפיע, מאַשין־שרייבן און ביוראָ־פירונג ביים סעמינאַר שטאַרק אַנטוויקלט. עס האָבן מיט איר מיטגעאַרבעט די חברות חנה ניומאַן און מאַניע גאָלדבערג. הגם דער הויפּט־ציל איז געווען אויסלערנען די תלמידים ווערן "פאַכאָווע" סעקרעטאַרינס, האָט דער סעמינאַר אָבער פאַר איינוועגס שוין געזאָרגט אַז זיי זאָלן אויך באַזוכן קלאַסן אין יידיש און עברית — גראַמאַטיק און ליטעראַטור; יידישע געשיכטע, א. ז. וו. ס'איז דעריבער ניט קיין צופאַל וואָס אין דעם טייל פאַר איבונגען, אַנטהאַלט דאָס בוך אַ קליינע אַנטאָלאָגיע פון ליטעראַרישע שאַפונגען אויף יידיש.

אַזוי אַרום האָט זיך באַקומען אַ באַדייטנדיקע קאַדרע פון יידיש־אויסגעבילדעטע סעקרעטאַרינס, וועלכע זיינען געשטאַנען אויף אַ הויכער ניוואָ, סיי אין זייער טעכנישער געניטקייט, סיי אין זייער יידיש־קולטורעלער אויסגערייפטקייט. קיין וואונדער וואָס זיי האָבן שנעל פאַרנומען פּאָזיציעס אין

די צייטונגס־רעדאַקציעס, און ווי די פּריוואַטע סעקרעטאַרינס פון די סאַמע וויכטיקסטע אָנפירער פון אַ רײ ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס.

פאַר אַלע אירע תלמידים איז די חברה ליבערזאָן־סערקאַרז תמיד געווען ניט נאָר אַ מורה דרך, נאָר אויך אַן אינספּיראַציע און אַ פּערזענלעכער פריינט. אַ זייער באַשיידענער מענטש, פאַרקערפּערט זי אין אירע אייגענע לעבנס־דערפאַרונגען, אין די אַלע וויכטיקע פּאָזיציעס וואָס זי האָט אין פאַרשיידענע צייטן אָנגעהאַלטן, און אין דער פּליאַדע פון ייִדישע שרייבערס און פירערס מיט וועמען זי האָט מיטגעאַרבעט, ממש אַ קווערשניט פון דאָס שפּרודלדיקע, שעפערישע ייִדיש לעבן, וואָס האָט כאַראַקטעריזירט די בעסטע יאָרן פון דער מזרח אייראָפּעאישע אימיגראַציע אין אַמעריקע.

אייגנטלעך האָט דער פאַרוואַלטונגס־ראַט פון סעמינאַר געהאַט באַשלאָסן דאָס בוך אַרויסצוגעבען נאָך מיט יאָרן צוריק, נאָר צוליב פאַרשידענע סיבות איז עס ניט מקויים געוואָרן. ס׳איז פאַר אונדז דאַריבער אַ באַזונדערע פרייד צו קאָנען כאָטש איצט אונטערטראָגן דער חברה ליבערזאָן־סערקאַרז, אירע געוועזענע תלמידים, און דעם ברייטן עולם, איר לעבנס־באַשאַף צווישן טאָוולען.

פאַרן פאַרוואַלטונגס ראַט
ייִדישער לערער סעמינאַר — הרצליה
יעקב קאַצמאַן, פּאָרזיצער
ניו יאָרק, סיון תשמ״ג

אויסבעסערונגען פון מחבר

זייט 7

אין צווייטן וואָרט אויף דער 10־טער שורה פעלט דער אָנהייב שטריך ״ר״.

די ריכטיקע סטענאָגראַמע ווערט געשריבן ווי פאָלגט:

״דאָס וואָרט איז רעדע״.

אין דער מעשה ״פאַמעלע״, וואָס הייבט זיך אָן מיט זייט 35 און ענדיקט זיך מיט זייט 42, פאָרן זיך ניט די זייטלעך. אבער איך שטעל זיך פאָר, אז דער וואָס וועט זיך פאַראינטערעסירן אין דער שטודיע, וועט זיך שוין ווי ניט איז געבן אַן עצה.

דאָס זעלבע באַציט זיך מיט זאַצן מיטן רינגעלע ״ש״ ״ס״ אָדער ״צ״ וואָס געפינט זיך אויף זייט 77.

אינעם דירעקטיוו ווערט געזאָגט צו פאַרגלייכן די פינקטלעכקייט מיטן דערבייאיקן ייִדישן טעקסט, אָבער דער ייִדישער טעקסט געפינט זיך ניט אויפן דערבייאיקן זייטל.

אויך אין דעם פאַל וועלן זיך די פאַראינטערעסירטע צדדים שוין ווי ניט איז געבן אַן עצה.

דאָס זעלבע באַציט זיך נוגע די שלייפעלעך זעלבסט־עקזאַמען, וואָס הייבט זיך אָן אויף זייט 140.

די ייִדישע עקזאַמען זייטלעך פאָרן זיך ניט מיט די באַטרעפנדיקע סטענאַגראַפישע זייטלעך, וואָס באַשטעטיקן דעם סטודענט׳ס דערגרייכונגען. אָבער, ווי שוין געזאָגט, האָב איך בטחון אינעם אינטעליגענטן סטודענטנשאַפט.

זייט 122

אין נחום יוד׳ס פאבעלע ״דער אָדלער צווישן הינער״ דאַרף דאָס לעצטע וואָרט אויף דער 4־טער שורה זיין הינער און ניט דינער.

פאָרוואָרט פון מחבר

דאָס בוך וואָס האָט מיר גענומען לאַנגע יאָרן צוזאַמענצושטעלן, איז אַ פּראַקטישער צוגאַנג צום למוד פון סטענאָגראַפיע, און קאָן אויך דינען ווי אַ האַנטבוך פאַר זעלבסט־בילדונג אינעם געגנשטאַנד.

דער גאַנצער צוזאַמענשטעל איז אַזאַ וואָס דערמעגלעכט דעם תּלמיד אויך אָנצוגיין מיט דער שטודיע פון סטענאָגראַפיע, דערגרייכן דעם ענדציל פון פולשטענדיק זיך קוואַליפיצירן אין דער שנעלשריפט טעאָריע כדי צו קענען עס באַנוצן אין טאָגטעגלעכן לעבן אָן דער הילף פון לערער.

עס איז כדאַי צו באַמערקן אַז נאָכדעם ווי דער תּלמיד באַהערשט פולשטענדיק יידישע סטענאָגראַפיע, קענען אים די כללים היפּשלעך ארויסהעלפן אין באַנוצן די סטענאָגראַפישע קענטענישן אויך אויף אַנדערע שפּראַכן וואָס ער באַהערשט.

לאָמיר דאָ דערמאָנען דעם צופאַל וואָס האָט מיך באַוואויגן זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דער נייטיקייט פון שאַפן אַ מעטאָד פון יידישער סטענאָגראַפיע.

אין דער ביוראָ וואו איך בין געווען באַשעפטיקט, בין איך אין אַ נאָכמיטאָג, אין נאָוועמבער 1922, געזעסן ביי דער ענגלישער שרייבמאַשין און געהערט ווי אַ באַזובער באַקלאָגט זיך פאַר מיין באַלעבאָס; ער דאַרף דיקטירן אַן ארטיקל אין יידיש און קען זיך קיין עצה ניט געבן. דאָס איז געווען אין די יאָרן פון דער יידישער מאַסן־עמיגראַציע פון מזרח אייראָפּע.

פון יענעם טאָג אָן האָב איך דערפילט אַ דראַנג עפּעס צו טאָן אויף דעם געביט.. דער געדאַנק וועגן. אויסאַרבעטן אַ ספּעציעלן מעטאָד פאַר דער דרינגענ־

דער נויטווענדיקייט האט מיך פולשטענדיק באהערשט. ביסלעכווייז האב איך אנגעהויבן זאמלען דעם נייטיקן מאטעריאל פון פארשיידענע קוואלן: ווערטערביכער, פאלקלאר, ליטעראטור, אידיאמאטישע אויסדרוקן, צייטשריפטן, זשורנאלן און ארטיקלען אין יידיש.

מיט א צייט שפעטער בין איך געווען גרייט אנצואווענדן מיין טעאריע אין דער פראקטיק.

אזוי ווי אין די יידישע קולטור־קרייזן אין ניו־יארק האט זיך צו יענער צייט געפילט א גרויסער מאנגל אין יידישע סטענאגראפיסטקעס, האב איך אנגעהויבן געבן פריוואטע לעקציעס צו בעלנים און יידישקענער, וועלכע האבן, נאכדעם ווי זיי האבן זיך אויסגעלערנט סטענאגראפיע, געקראגן ארבעט אין די רעדאקציעס פון יידישע צייטונגען, געזעלשאפט־לעכע ארגאניזאציעס און יידישע קולטור־אינסטיטו־ציעס.

שפעטער האב איך, במשך לאנגע יארן אנגעפירט מיט יידישע סטענאגראפיע קלאסן אין דער יידישער קול־טור געזעלשאפט, אין ארבעטער־רינג מיטלשול, יידיש וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט – „ייוואָ" און אין יידישן לערער סעמינאר.

דער סעמינאר האט אויך צו יענער צייט דערהאלטן א צאל אנפראגעס פון אויסלאנד: מעלבורן, קעיפ־טאון, פאריז, סעסקעטשוואן, בריטיש קאלאמביא, סאן פאולא, מעקסיקא סיטי, בוענאס איירעס, און פון אונדזער שכן צום צפון, קאנאדע.

דער סעמינאר האט גלייך רעאגירט אויף די ווענדונ־גען, זיי ארויסגעשיקט זעלבסט־בילדונג מאטעריאלן וואס האבן אנטהאלטן גענויע אנווייזונגען און עקזאמענס, אינסטרואירנדיק דערביי צוריקצושיקן די עקזאמענס צום רעווידירן.

אזוי ארום איז אומדירעקט צוגעשטעלט געווארן סע־
קרעטאריעלע הילף אויך צו ביוראס אין די פאר־
שיידענע געמיינדעס.

במשך פון די איבער פיר צענדליק יאר וואס דער
סעמינאר האט געגעבן די סעקרעטאריעלע קורסן,
האט חנה ניומאן, איך, און שפעטער, איך צוזא־
מען מיט מאניא גאלדבערג, אנגעפירט מיט די
קלאסן אין יידישער און ענגלישער סטענאגראפיע,
מאשינשריפט און אפיס אנפירונג. דורך די אלע
יארן איז דער סעמינאר געשטאנען געטריי אויף
דער וואך אנטקעגנקומענדיק די סעקרעטאריעלע
נויטן פון די יידישע געזעלשאפטלעכע אינסטיטו־
ציעס, ארגאניזאציעס, סיי לאקאלע סיי אין ווייטערע
מקומות.

דאס פאלגענדע איז א קורצע רשימה פון די ארגא־
ניזאציעס, אינסטיטוציעס, שולן, צייטונגען און
זשורנאלן, וואוהין עס זיינען די אלע יארן צוגע־
שטעלט געווארן גראדואנטן פון די סעקרעטעריאלע
קורסן ביים סעמינאר. אין א צאל פון די אנגעגע־
בענע אינסטיטוציעס און ארגאניזאציעס זיינען
נאך עד היום באשעפטיקט סעמינאר גראדואנטן
און א צאל פון זיי זיינען באהילפיק אין דער אר־
בעט אויף א פריוואטן אופן.

אידישער קעמפער
אמעריקאנער ארט פעדעראציע
ארבעטער־רינג היים פאר עלטערע מיטגלידער
געווערקשאפטן קאמפיין
דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע
דזשואיש עדיוקיישאן קאמיטע
האיאס
הסתדרות
הפועל־המזרחי
טאג
טאגעבלאט
יידישע אקטיארן יוניאן

ייִדישער ארבעטער קאָמיטעט
ייִדישער וועלט־קאָנגרעס
ייִדישער לערער סעמינאַר
ייִדיש־סאָציאַליסטישער פארבאנד
ייִדישער קולטור קאָנגרעס
ייִוואָ
איקוף
ישראל באָנדס
מאָרגן זשורנאַל
מזרחי פרויען ארגאניזאציע
פאראייניקטער ייִדישער אפיל
פאָרווערטס
פארבאנד פון אונגארישע ייִדן
פארבאנד פון גאַליציאַנער ייִדן
פארבאנד פון פוילישע ייִדן
מאָרגן פרייהייט
פרייע ארבעטער שטימע
צוקונפט
ציקאָ
קווינס קאלעדזש
קינדער זשורנאַל
שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

דער סעמינאַר האט אויך צוגעשטעלט, אין פילע פאלן, צייטווייליקע ביוראָ־הילף צו די מערסטע ניו־יאָרקער בתּי־מדרשים, ישיבות און תּלמוד־תּורות. אין די צוואנציקער יאָרן פון דעם יאָר־הונדערט, האט ער אויך פיל געהאָלפן די ייִדישע יוניאָנס און באנקן אין ייִדיש־באַזעצטע געגנטן.

עס איז שוין פיל געשריבן געוואָרן און עס וועט נאָך געשריבן ווערן וועגן די אויפטוען פונעם ייִדיש־געזעלשאפטלעכן בילדונגס און קולטורוועזן. און איך וויל האָפן אז דאָס איצטיקע בוך וועט אין א געוויסער מאָס באַקרעפטיקן וואָס די מערסטע פון אונדז ווייסן שוין וועגן אונדזער באַליבטער אינ־סטיטוציע — דער ייִדישער לערער סעמינאַר.

ערשטער טייל:

דיאָגראם פון סיסטעם
סטענאָגראפישער אלף־בית (שטריכן)
וואָקאלן און פאָזיציעס
וואָרצל ווערטער
גראמאלאָגן און זאצן
ארטיקלען פארבונדן מיט ווערטער
וואָרצל זאצן
העברעאיזמען
חאטשיקלעך „נ" „פ" און „וו"
ווערטער און זאצן מיט די האטשיקלעך
פארקירצונג און פארלענגערונג פון שטריכן
פארקירצונג און פארלענגערונג זאצן
וואָרצל עקזאמען
שפריכווערטער
פאראײנפאכטע פערזן
א בריוועלע דער מאמען
פאמעלע

סטענאָגראַפֿיע איז אַ שפּראַך פֿון קלאַנגען, וואָס האָט ניט קיין שום שייכות צו אָרטאָגראַפֿיע. די קאָנסאָנאַנטן ווערן באַצייכנט דורך שטריכן צעטיילט אין פֿאַרליִער, דינע און דיקע, און די וואָקאַלן ווערן באַצייכנט דורך שרייבן דאָס וואָרט אין דער באַטרעפֿנדיקער פּאָזיציע, לויט דעם קלאַנג פֿון וואָרצל.

די דיאַגראַם גיט אונדז די באַזע פֿונעם גאַנצן סיסטעם און ווייזט גענוי ווי אַזוי די שטריכן ווערן פֿאָרמירט.





די סטענאגראפישע שטריכן איינגעטיילט אין דריי טיילן לויט זייער כאראקטעריסטיק

גלייכע שטייענדיקע געשריבן פון אויבן אראפ:

פ

ב

ט

ד

טש

דזש

פון אונטן ארויף:

אנהייב „ר" איז דער שטריך „טש" געשריבן פון אונטן ארויף

אנהייב „ב" (ח) איז דער שטריך „דזש" געשריבן פון אונטן ארויף

ה

יא, יאָ, יע, יו, "

רער, רב–רח

ליגנדיקע (פון לינקס–רעכטס):

ק

ג

מ

מפ–מב

נ

נג

קוו

גוו

(מד – 1/2 די גרויס פון שטריך מפ–מב)

(נד — 1/2 די גרויס פון שטריך נג)

נק–נקט–נגט 1/4 די גרויס פון שטריך „נג" (קעריק)

יאכ, יאָכ, יעכ, יוכ

האלב קיילעכדיקע שטייענדיקע פון אויבן אראפ:

צ

זש–צד

ס

ז

פ

וו–ב

ש

שוו

ל

לער–לעב

ל–לער–לעב געשריבן פון אויבן אראפ און פון אונטן ארויף (ווי באקוועמער)

סוף „ר"

סוף „ד"

באמערקונג:

כדי צו פאראייגפאכן דאס אויסלערנען פון די סטענאגראפישע שטריכן ווערן זיי איינגעטיילט אין דריי באזונדערע טיילן ווי אויבן אנגעגעבן. אין די ווייטערדיקע זייטלעך ווערט יעדער טייל באהאנדלט באזונדער.

אין סטענאגראפיע ווערן די קאנסאנאנטן באצייכנט דורך שטריכן, איינגעטיילט אין פארלעך, דינע און דיקע.

די וואקאלן אין סטענאגראפיע ווערן באצייכנט דורך שרייבן דאס ווארט אין דער באטרעפנדיקער פאזיציע, לויטן קלאנג פון ווארצל.

אין סטענאגראפיע זיינען דא דריי פאזיציעס:

1-טע, 2-טע און 3-טע

די 1-טע פאזיציע ווערט געשריבן איבער דער שורה 

די קלאנגען אין דער 1-טער פאזיציע זיינען:

אי צום בייספיל: ביים
עי צום בייספיל: בייג
א צום בייספיל: טאנץ



דער 4-טער קלאנג פון דער ערשטער פאזיציע ווערט באצייכנט דורך שרייבן א פינטעלע אויפן ארט פונעם חולם.

צום בייספיל: טויג קוים בוי

די 2-טע פאזיציע ווערט געשריבן אויף דער שורה

די קלאנגען אין דער 2-טער פאזיציע זיינען:

„ע" צום בייספיל: טעג
„א" צום בייספיל: באד



די 3-טע פאזיציע ווערט געשריבן דורך דער שורה

די קלאנגען אין דער 3-טער פאזיציע זיינען:

„י" צום בייספיל: טיר
„ו" צום בייספיל: בוך



ליגנדיקע (האריזאנטאלע) שטריכן מיטן קלאנג „י" אדער „ו" ווערן געשריבן אונטער דער שורה און ניט דורך דער שורה.

צום בייספיל: קום מומע מימיק

אנהייב און סוף וואָקאלן

ווען דער וואָקאל קומט פאַרן ערשטן שטריך ווערט דאָס באַצייכנט מיט א דין פּאַסיקל (1/8 די גרויס פון שטריך).

צום ביישפּיל: עפּל עטיק אדלער

ווען דער אָנהייב וואָקאל ציילט אויך א „ה״, ווערט דאָס באַצייכנט מיט א דיק פּאַסיקל (1/8 די גרויס פון שטריך).

צום ביישפּיל: הימל הי״ל האָף

ווען פאַרן ערשטן שטריך קומט דער קלאַנג „יא״ „יאָ״ „יע״ „יו״ אָדער „יי״ ווערט דאָס באַצייכנט דורך א דיק פּאַסיקל (1/4 די גרויס פון שטריך), אָפּגעטיילט פונעם ערשטן שטריך:

צום ביישפּיל: יערלעך יענעם ירידה

דער שטריך יא, יאָ, יע, יו אָדער „יי״ ווערט באַנוצט אין איין אָדער צוויי-טראַפּיקע ווערטער.

למשל: יא יאד יונג יוצא יוני יאווען

און אין העברעאישע ווערטער כדי צו פאַרגרינגערן דאָס שרייבן און דאָס צוריקלייענען פון באַטרעפנדיקן וואָרט.

למשל: חיה ידיעה ראיה

סוף וואָקאל „אי״ אָדער „עי״ ווערט באַצייכנט מיט א דין פּאַסיקל (1/8 די גרויס פון שטריך) געשריבן צוזאַמען מיטן שטריך.

צום ביישפּיל: ארמיי ראַביי כדי

סוף וואָקאל „ע״ אָדער „אַ״ ווערט באַצייכנט מיט א דין פּאַסיקל (1/4 די גרויס פון שטריך)

צום ביישפּיל: טעמע טעמפּאָ דאַמע

סוף „י״ אָדער „ו״ ווערט באַצייכנט מיט א דיק פּאַסיקלו (1/4 די גרויס פון שטריך) געשריבן צוזאַמען מיטן שטריך.

צום ביישפּיל: נאַצי פּערו רעזשי

סוף-וואָקאל „יע״ אָדער „יאָ״ ווערט באַצייכנט מיט א גרויס דין פּאַסיקל (1/2 די גרויס פון שטריך)

צום ביישפּיל: טעאָריע פאַמיליע ראַדיאָ

דאָס ערשטע דריטל גלײכע שטריכן:

באַשטײט פון פינף פּאַרלעך, יעדער פּאַרל פון אײן דינעם און אײן דיקן שטריך און צװײ אײנצלנע דינע שטריכן - דער שטריך „ה" ___ און דער שטריך צו באַצײכענען די קלאַנגען „יא" „יע" „יאָ" „יו" און „יי" ___

<u>געשריבן פון אויבן-אַראָפּ</u>

אָנהײב „ר" איז דער שטריך „טש" געשריבן פון אונטן-אַרויף ___

װי אין די װערטער: ראַט ___ רײד ___ רײב ___

אָנהײב „כ" (ח) איז דער שטריך „דזש" געשריבן פון אונטן אַרויף ___

װי אין די װערטער: כאַפּ ___ חטא ___

נאָך א ליגנדיקן שטריך איז באַקװעמער צו באַנוצן „אָנהײב ר" אָדער אָנהײב „כ" (ח), װי אין די װערטער:

מער ___ מיך ___ גיך ___ מאַך ___ קיך ___

דאָס קאָמבינירטע פּאַרל „רער" ___ „רעכ" ___ װערט געשריבן פון אונטן אַרויף.

אויך די צװײ אײנצלנע שטריכן דער שטריך „ה" ___ און דער שטריך צו באַצײכענען די קלאַנגען „יא" „יע" „יאָ" „יו" אָדער „יי" ___ װערן געשריבן פון אונטן-אַרויף װי אין די װערטער:



סטענאָגראַפיע װערט געשריבן פון לינקס-רעכטס טראָץ דעם װאָס יידיש װערט געשריבן פונקט פאַרקערט.

<u>דירעקטיװ:</u>

שרײבט פאַרלעכװײז פון לינקס צו רעכטס אויף ליניִרט פּאַפּיר מיט א װײכן בלײשטיפט צען שורות פון די אויבן-אָנגעגעבענע שטריכן ביז איר באַהערשט זײ פולשטענדיק. דאַן זענט איר גרײט צוצוטרעטן צו פּראַקטיצירן די װערטער אויפן דערבײאיקן זײטל.

ווערטער מיט שטײענדיקע שטריכן:



<u>דירעקטיוו:</u>

אננעמענדיק אז איר זײט שוין באקאנט מיט די שטריכן פון דעם ערשטן טײל, ווי אויך מיט דער טעאריע פון די וואקאלן, זײט איר גרײט צוצו־טרעטן צו פראקטיצירן די אויבן אנגעגעבענע ווער־טער, שרײבנדיק צום ווינציקסטנס צען שורות פון יעדן ווארט.

דאָס צווייטע דריטל סטענאָגראַפישע שטריכן

ליגנדיקע (האָריזאָנטאַלע) שטריכן

באַשטייט פון דריי פּאָרלעך , די שטריכן

ק — ג — מ — מפּ–מב — נ — נג

די צוויי איינצלנע שטריכן „מד" (1/2 די גרויס פון „מפּ–מב" און „נד" (1/2 די גרויס פון „נג")

דאָס קאָמבינירטע פּאָרל קוו — גוו

און דער שטריך צו באַצייכענען „נק–נקט–נגט" (1/4 די גרויס פונעם שטריך „נג" (קעריק)

צום בײַשפּיל: פּונקט — טינקט — דאַנקט

דענקט — בענקט — דינגט — צאַנקט

פונק — לינק — פאַנגט — ווינקט

ווערטער וואָס ציילן בלויז ליגנדיקע (האָריזאָנטאַלע) שטריכן מיטן קלאַנג „י" אָדער „ו" ווערן געשריבן אונטער דער שורה.

למשל: קו — מומע — אומה — קיום — מימיק

כלל: אין ווערטער וואָס ציילן אי א ליגנדיקן אי א שטייענדיקן שטריך, ווערט בלויז דער שטייענדיקער שטריך געשריבן לויט דער פּאָזיציע פון דעם באַטרעפנדיקן וואָרט.

צום בײַשפּיל: קאָפּ — ניט — מיד — מאָפּע

געב — גט — גוט — מאָדע

באַמערקונג:

איר ווייסט שוין אז אין ווערטער פון בלויז שטייענדיקע שטריכן נעמט דער ערשטער שטריך איבער די פּאָזיציע פון דעם באַטרעפנדיקן וואָרט. דאָרט אָבער וואו א וואָרט ציילט אי א ליגנדיקן אי א שטייענדיקן שטריך, נעמט דער שטייענדיקער שטריך איבער די פּאָזיציע, ווי עס איז צו זען פון די אויבן־אָנגעגעבענע ווערטער.

ווערטער מיט ליגנדיקע האריזאנטאלע שטריכן:

9

ג״ ___ ק״ ___ נ״ ___ עק ___ מאי ___ קום ___

עגא ___ אין ___ היים ___ אים ___ רעג ___ מעג ___

טעג ___ באק ___ פעק ___ דיקע ___ היגע ___ קו ___

דאנק ___ קוים ___ קינד ___ אטעם ___ ענג ___ היין ___

הימל ___ דאמע ___ טינק ___ רינד ___ מיד ___ באנק ___

בוים ___ דינג ___ רינג ___ מעק ___ פונק ___ נ״ע ___

ריגע ___ דעמב ___ אײדעם ___ טעמע ___ פאעמע ___

מומע ___ אויג ___ טאנק ___ דומע ___ רוק ___

מימיק ___ קיעוו ___ געמבע ___ פאמפ ___ קוויטש ___

הינקט ___ מענטש ___ נ״עם ___ פ״ג ___ הײליקע ___

גענג ___ לענג ___ קעמפ ___ וויג ___ קעלער ___

ל״ג ___ בוים ___ צוים ___ צאנק ___ נעם ___

טעמפא ___ טינקט ___ קאווע ___ קויף ___ רירנדע ___

דירעקטיוו:

פראקטיצירט צום ווינציקסטנס צען שורות פון יעדן פון די אויבן-אנגעגעבענע ווערטער.

דאָס לעצטע דריטל פון די סטענאָגראַפישע שטריכן

האַלב-קײַלעכדיקע שטײַענדיקע שטריכן

באַשטײט פון 8 פּאָרלעך. יעדעס פּאָרל באַשטײט פון אײן דינעם און אײן דיקן שטריך, געשריבן פון אויבן-אַראָפּ.



ווערט געשריבן פון אונטן אַרויף אין אָנהײב פון וואָרט. אין אַלע אַנדערע פאַלן — ווי באַקוועמער צום שרײַבן.

*—צום סוף וואָרט ווערט דער שטריך „לעך״ פאַרפערטלט:

למשל:



אין ווערטער וואָס צײלן צוויי שטײענדיקע שטריכן, ווערט בלויז דער ערשטער שטריך געשריבן לויט דער פּאָזיציע פון דעם באַטרעפנדיקן וואָרט.

צום בײַשפּיל:



דירעקטיוו:

אַזוי ווי מיר זײַנען איצט בײַם סוף פון סטענאָגראַפישן אלף-בית, מוז דאָ באַטאָנט ווערן די וויכטיקײט פון פולשטענדיק באַהערשן דאָס שרײַבן פון די שטריכן; פון שרײַבן די שטריכן לויט דער אָנגעגעבענער מאָס ווי אויך אָפּצוהיטן דעם אונטערשייד צווישן שטריכן אין די פּאָרלעך (דיק און דין).

ווערטער מיט האלב-ק״לעכדיקע שט״ענדיקע שטריכן

אז ___ זע ___ עס ___ האס ___ אך ___ אָך ___ אש ___

שא ___ ווי״ ___ ווי ___ ל״י ___ הי״ס ___ איר ___ ער ___

טאר ___ טיר ___ טוד ___ טייד ___ פאל ___ פעל ___ פיל ___

וו״ל ___ וועל ___ וויל ___ ל״ב ___ לעב ___ ליב ___ דאך ___

דאך ___ דיך ___ ט״ל ___ טאל ___ דיל ___ וו״ב ___ וועב ___

ר״ף ___ רוף ___ ר״ץ ___ וואך ___ צ״ל ___ צעל ___ ציל ___

העלד ___ העלף ___ הילף ___ בויד ___ בוך ___ ה״ל ___

הילע ___ העצע ___ היץ ___ איידל ___ האטעל ___ הויף ___

ל״ם ___ ליטע ___ לערע ___ לירע ___ ל״ד ___ לאד ___

פוילער ___ פעלער ___ פולער ___ עפעלע ___ טעאריע ___

היטלער ___ אפעליר ___ בעלער ___ העבער ___ פ״ערל ___

היטעלע ___ רעדעלע ___ פ״געלע ___ לידעלע ___ האלבע ___

וואוילער ___ צאלער ___ ה״טעלע ___ אדלער ___ צ״לער ___

דירעקטיוו:

שר״בט א פאר שורות פון די אויבנאנגעגעבענע ווערטער.

אלגעמיינע ווארצל ווערטער

עפידעמיע	נאבעלע	יינגעלע	טאבעלע
וויציקע	יאריקע	איידעלע	פאעמע
פאמיליע	אידעאל	טונקעלע	טשעק
רעאקציע	רואיקע	הייפעלע	פאנג
אלערליי	אפעליר	מוטשע	קוואל
ווינקעלע	טעאריע	אדלער	לעבן
אמביציע	אפאטיע	מאלער	עפאכע
רעזשים	וויגעלע	דאלאר	קוואטע
פאמיליאר	טעלערל	ארעמע	טעמפא
אוטאפיע	בעקעלע	בעטעלע	אקציע
העמדעלע	בעלער	ראנגל	לעקציע
קילער	פאדעם	רעזשי	זשום
רעדאקציע	לערער	פולער	יובילאר

ג ר א מ א ל אָ ג ן

אין ערשטן קאפּיטל האָבן מיר זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט וואָרצל־ווערטער. אינעם איצטיקן קאפּיטל פאַרנעמען מיר זיך מיט גראַמאַלאָגן וואָס זיינען די קאָנדענסירטע צייכנס (1/4 די גרויס פון שטריך) פאַר די אָפּט־באַנוצטע ווערטער אין דער שפּראַך.

ג ר א מ א ל אָ ג ן



באמערקונג:

דער פאַרפערטלונג־געזעץ: אחוץ די גראַמאַלאָגן, די פּאַרווערטער און סוף־ווערטער וועלכע זיינען א פערטל די גרויס פון שטריך, איז אין סטענאָגראַפיע אויך דאָ א פאַרפערטלונג געזעץ, וואָס לויטעט, אז צו אין אות א פערטל די גרויס פון שטריך קומט צו דער זעלביקער שטריך.

צום ביישפּיל: קוק ___ טוט ___ געג ___

דירעקטיוו:

דער ווירקזאַמסטער אופן צו באַהערשן די גראַמאַלאָגן, דאָס מיינט צו געדענקען זיי אויף אויסנווייניק, איז צו פּראַקטיצירן זיי אין צוזאַמענהאַנג מיט די זאַצן אָנגעגעבן אויפן דערבייאיקן בויגן,

צו וואָס רעדט זי פון דעם אלע מאָל?

זי איז אי א גוטע, אי א וואוילע


אי" ווי דאָס אלץ טוט זי" וויי!

ער האָט אלע מאָל געהאַט אַט דעם פעלער


זי טוט דאָס סײ ווי אזוי אלע מאָל

אָט אזוי איז דאָס שוין פון לאנג


איך נעם אָן אז זי טוט דאָס שוין


וואָס דאָס איז ביי איך שוין אויך א חטא?


טוט דאָס טאקע שוין, איך בעט איך

אָט דאָס טוט אלע מאָל סיי ער, סיי זי


איך הער זיך שוין אויך צו צו אָט דעם


צו וואָס אָט די אלע רייד, איך בעט איך?


צווישן זיי איז אלץ ניט ווי געווען


איך פיל זיך דאָ ווי ביי זיך אין דער היים


די ארטיקלען „א" „די" דער אדער „דעם"
אין פארבינדונג מיט אנדערע ווערטער און פארווערטער

כדי צו פארגרינגערן און דערביי פארשנעלערן די געשיקטקייט אין שרייבן סטענאגראפיע, פארבינדט מען די ארטיקלען „א" „די" „דער" אדער „דעם" מיטן ווארט אדער מיטן פארווארט וואס קומט פאר דעם באטרעפנדיקן ארטיקל.

דער ארטיקל „א" ווערט באצייכנט דורך א קליין דין פאסיקל (1/4 די גרויס פון שטריך) ___ למשל: איבער א ___

דער ארטיקל „די" ווערט באצייכנט דורך א קליין דיק פאסיקל (1/4 די גרויס פון שטריך) ___ למשל: איבער די ___

דער ארטיקל „דער" ווערט באצייכנט דורך א גרויס דין פאסיקל (1/2 די גרויס פון שטריך) ___ למשל: איבער דער ___

דער ארטיקל „דעם" ווערט באצייכנט דורך א גרויס דיק פאסיקל (1/2 די גרויס פון שטריך) ___ למשל: איבער דעם ___

למשל:

וועגן א ___ וועגן די ___ וועגן דער ___ וועגן דעם ___

אין א ___ אין די ___ אין דער ___ אין דעם ___

מיט א ___ מיט די ___ מיט דער ___ מיט דעם ___

אויף א ___ אויף די ___ אויף דער ___ אויף דעם ___

ארום א ___ ארום די ___ ארום דער ___ ארום דעם ___

אונטער א ___ אונטער די ___ אונטער דער ___ אונטער דעם ___

דורך א ___ דורך די ___ דורך דער ___ דורך דעם ___

נאך א ___ נאך די ___ נאך דער ___ נאך דעם ___

אלגעמײנע װארצל זאצן

1. די מאמע בײ דעם װיגעלע, דער טאטע בײ דער תורה.

2. אויב זי האט דאס טאקע אזוי ליב, גיב עס צו איר.

3. בוי ניט דאס הויז בײם טײך װײל עס איז צו דעמפיק.

4. אט דער עולם האט אלע מאל ליב געהאט אזא לעקציע.

5. זי האט שוין פון לאנג געהאט אן אפאטיע צו אט דער טעאריע.

6. איך אפעליר צו אים װײל ער איז אזא אײדעלער, אזא נאבעלער.

7. איך ראט דיר, קויף ניט דאס הויז װײל עס איז צו טײער.

8. איך האב אלע מאל ליב געהאט די העלע טעג אין מאנאט מאי.

9. עס איז דא אלע מאל אזוי רואיק, אזוי געמיטלעך.

10. װאס, איז עס טאקע מעגלעך אזא געראנגל צװישן זײ?

11. די טיר פון דעם נײעם טעמפל האט א גאנץ טונקל קאליר.

12. אזוי איז איר אײדעם, ער טוט אלץ פינקטלעך און גענוי.

אלגעמײנע װארצל זאצן



דירעקטיװ:

לײענט די אויבנאָנגעגעבענע אלגעמײנע װארצל
זאצן און פארגלײכט

העברעיזמען

אגב דם חיל נביא

אוודאי דור חופה נוגע

אומה דווקא חטא ניחא

אוצר הגם טעם נצול

אורח הלוואי טענה עברי

אות הלמאי יובל עולה

אכילה העזה יוצא עול

אלול **היפוך** יניקה עולם

אפילו הקדמה כלה עופעלע

גאווה הריגה מודיע עמוד

גאולה ווידוי מוהל עסק

גופא חוב מילא עצה

דאגה טענה מציאה עצם

<u>וויכטיקער כלל:</u>

איך סטענאגראפיע ווערט א העברעאיזם אונטערגע-
שטראכן מיט צוויי דינע פאסיקלעך.

סוף „נ" „פ" אדער „וו" (ב)

דער שטריך „נ" ווערט בלויז באנוצט אין אנהייב ווארט אדער ווען „נ" איז דער איינציקער שטריך פון ווארט. אין אלע אנדערע פאלן ווערט באנוצט א האטשיקל צו באצייכענען די „נ" וואס ווערט גע-שריבן אט אזוי:

1) אין דער זעלביקער ריכטונג ווי די ווייזערס פון א זייגער אין צוזאמענהאנג מיט שטייענדיקע שטריכן:

צום ביישפיל: פען ___ בין ___ דיין ___

רוען ___ חן ___ ריין ___

2) אונטער די ליגנדיקע שטריכן „ק" אדער „ג"

צום ביישפיל: גאון ___ גיין ___ קאן ___

3) איינעווייניק פון קיילעכדיקע שטריכן:

צום ביישפיל: מיין ___ לערן ___ צאן ___

דאס האטשיקל „פ" אדער „וו" (ב) ווערט באנוצט בלויז אין פאר-בינדונג מיט גלייכע שטריכן און ווערט געשריבן אזוי:

1) אויף דער רעכטער זייט פון שטייענדיקע שטריכן (אין דער היפוך ריכטונג פון די ווייזערס פון א זייגער)

צום ביישפיל: טיף ___ טובה ___ מאטיוו ___.

2) איבער די ליגנדיקע שטריכן „ק" אדער „ג"

צום ביישפיל: תיכף ___ אגב ___

ווייכטיקער כלל:

דאס האטשיקל "פ" אדער "וו" (ב) ווערט קיין מאל ניט באנוצט אין צוזאמענהאנג מיט קיילעכדיקע שטריכן.

דירעקטיוו:

שרייבט עטלעכע שורות פון יעדן ווארט אויפן דערבייאיקן זייטל.

ווערטער מיט האטשיקל „ג" „פ" אדער „וו" (ב)

פײן אביון קומען גאון חן

בין טיף רײדן ענין טאָן

צײבן לערן מעגן הימלען װײן

באפן העלפן רײן מײן דינגען

לעבן װעגן קהלן דין פדיון

האפן לײדן לאבן פען פאנגען

לזין זשומען רויבן צאָן לונגען

דען באקן רופן מאָגן װעלן

טויגן רויטן בעטן לעבצן צוימען

ציען קוילן לײטן ליגן רינגען

דעקן פײערן װען מין טײערן

מידן לויפן גומען נײן רוען

לײען טובה רײפן צײגן פאָן

מאטיװ אקטיװ רודף דפק רײצן

אויב לעבן איז ליידן דאן לעב איך שוין לאנג.

דער הימל ווי א טונקעלער טייך איז ביי דער ערד געהאנגען

אך,לייבן און אָדלער, איך בין אויך א מאל אן אָדלער געווען!

יום–טוב און וואָך, יום–טוב און וואָך,עס לויפן און יאָגן די יאָרן.

טיף, טיף אין הארצן איז זי אלע מאל געווען קעגן אזא טובה.

עס איז געווען איר מאָטיוו צו העלפן אקטיוו אין אָט דער לאגע.

זי איז אזא נאָבעלע, צו העלפן מענטשן איז איר אידעאל.

איך וואוין שוין פון לאנגע, לאנגע יארן ביי מיין מומען.

איר מאן האט איר געהאלפן צו קאָנען קומען קיין אמעריקע.

אלע, אלע האָבן ליב דעם פייערלעכן יום–טוב חנוכה.

איך קאָן דודן שוין פון לאנגע, לאנגע יארן פון דער היים.

זיי פאנגען אָן צו לערנען אָט דעם למוד אין טעמפל.

אָט די אלע יונגע מענטשן קומען פון פוילן און פון דער ליטע.

<u>דירעקטיוו:</u> שרייבט אין סטענאגראפיע עטלעכע שורות
פון יעדן פון די אויבן–אנגעגעבענע זאצן

זאצן מיט האטיקל „נ" „וו" (ב)



דירעקטיוו: לײענט די סטענאגראפישע זאצן און פארגלײכט מיטן ײדישן טעקסט.

דאס פארקירצן און פארלענגערן די שטריכן

ווי שוין באמערקט איז פון גרויס וויכטיקייט אפצוהיטן די מאס אין דעם שרייבן פון די סטענאגראפישע שטריכן, מחמת אי א גע־העלפטער אי א געטאפלטער שטריך ענדערט דאס באטרעפנדיקע ווארט.

צו א געהעלפטן שטריך קומט צו א „ט" (אין זעלטענע פאלן א „ו")

צום ביישפיל:

באקט ___ לויפט ___ קומט ___ ליבט ___

אילט ___ טאגט ___ טויגט ___ פילט ___ קילט ___

אזוי ווי קיין האטשיקל קאן מען ניט פארקירצן, איז אויב די „ט" (אין זעלטענע פאלן די „ד") קומט נאך דעם האטשיקל „נ" פארקירצט מען דעם שטריך פאר דעם האטשיקל.

צום ביישפיל: פונט ___ לוינט ___ ווינט ___ מיינט ___

בונד ___ קענט ___ אונט ___ צינדט ___ רינט ___

צו א געטאפלטן שטריך קומט צו „טער" אדער „דער" (אין זעלטענע פאלן „טיר" אדער „טור")

צום ביישפיל:

וועטער ___ מוטער ___ פאטער ___ ווידער ___

נאטירלעך ___ לויטער ___ ביטער ___ גוטער ___

אזוי ווי קיין האטשיקל קען מען אויך ניט פארלענגערן, איז אויב דער „טער" אדער „דער" (אין זעלטענע פאלן „טיר" אדער „טור") קומט נאכן האטשיקל „נ" פארטאפלט מען דעם שטריך פארן האטשיקל „נ".

צום ביישפיל:

ווינטער ___ מונטער ___ רינדער ___

קינדער ___ וואנדער ___ לענדער ___

טאקט לויפט רוקט צייט מוטער

רופט מיינט צייט מאלט אנדער

גייט באקט לופט נויט לייכטער

ווינט נאפט לייכט צילט לויטער

פעלט פילט מעגט רעגט נאטור

אָוונט רייצט באפט פונט ביטער

נעמט מאַנט בויט לויט עלטער

פאלט ציילט קומט לערנט נידער

לעבט טינט דינט טאַגט טאַכטער

בוקט נאָענט איצט מיט רויטער

פאקט לייגט בונד עפנט פוטער

קעלט גילט צוימט דופט רינדער

טויגט אָפט גאפט וויינט וואנדער

באמערקונג: אזוי ווי אי א געהעלפטער אי א גע-טאָפלטער שטריך ענדערט דאס וואָרט, איז וויכטיק אָפצוהיטן מאָס.

פֿארקירצונג און פֿארלענגערונג זאצן

דאָס הויז איז געווען פֿול מיט קינדער און וואונדער לעגענדעס

אך ווי ליב עס איז צו הערן דאָס געלעכטער פֿון קינדער.

דער רעדאקטאָר וועט טאקע היינט אוונט רעדן בײַ זיי אין טעמפּל.

איך לייען שוין פֿון לאנג לידער פֿון אָט דעם דיכטער

יאָ, קינדערלעך טייערע, איך בין שוין אן אלטער, אלטער מאן.

די לופֿט איז דאָ אזוי גוט און דער הימל אזוי לויטער!

אין אָט די אלע לענדער לעבט זיך איצט פֿיל לײַכטער.

די מוטער האָט אלע מאָל געוואוינט ניט ווײַט פֿון איר טאָכטער.

עס וואָלט זיך אים געוואָלט קומען העלפֿן איר אין איר נויט.

ווינטער איז דאָ דאָס לעבן ניט לײַכט, די קעלט איז א ביטערע.

קענטיק אז אָט דער דאָקטאָר איז אויך א גוטער דיכטער.

זי האָפֿט אז עס וועט קומען א צײַט אז זי וועט מער ניט לײַדן פֿון קיין נויט.

זיי טוען אלץ וואָס איז מעגלעך ניט ווי צו טאָן דער אלטער מוטער.

דירעקטיוו:

שרײַבט אין סטענאגראפֿיע צען שורות פֿון יעדן פֿון די אויבן-אנגעגעבענע זאצן.

פארקירצונג און פארלענגערונג: זאצן



דירעקטיוו: לייענט די אויבן אנגעגעבענע זאצן און
פארגלייכט די פינקטלעכקייט מיטן
טעקסט אויפן דערבייאיקן זייטל.

חטא—אײדל—פונקט—אויב—קעלט—טאקט—תל

קיום—קויל—פויל—מעל—ראָלע—צײלט—מאָלט

גאון—גאל—פאל—מײל—לונג—רינג—בויגן

גביר—לײדן—דיקן—רוקן—בוקן—חן—וואנדער

וידוי—טונקל—טויבע—רויג—באקן—טײלן—דו

קעלער—געלער—מאלער—מדינה—ליטער—צאנקט

דאנקט—ליפט—נאפט—גאפט—רינט—טינט—מי

פעלער—טעלער—עלטער—אלט—טאָרי ע—לײ—טײ

אפעליר—דיכטער—ריכטער—ציטער—רעדאקטאר

פוטער—נידער—מונטער—איצטער—מאטעריאל

פאנגט—מילא—רינט—צוימט—רײניקט—טאָגט

עצם—לאגע—טעמע—יאָגט—יאדע—יענע—יעדע

ווינקט—מורא—טעמפּאָ—ראדיאָ—מיד—טאָבטער

שענקט—שווינקע—שבועה—שוועגט—צאנקט

וואָרצל ווערטער (עקזאמען)



שפריכווערטער

1. אז מען האָט די וועלט, האָט מען יענע וועלט אויך.

2. ער וויל דאָס טעלערל פון הימל!

3. ער האלט זיך מיט דעם ווי די יידן מיט דער תורה.

4. ווען מען איז פויל האָט מען ניט אין מויל.

5. צדקה צו געבן און ליב צו האָבן קען מען ניט ניטן.

6. מיט גאָט טאָר מען זיך ניט דינגען.

7. אז גאָט העלפט גייט פון טיר און טויער.

8. קיין תשובה איז אויך א תשובה.

9. א קאַץ קען אויך קאליע מאכן.

10. עס איז א ראיה פון דער אלטער באָבע חיה.

11. וואָס טוט קהל אָן אן אתרוג? מען בענטשט ניט.

122. זי האָט ניט קיין קינד און ניט קיין רינד.

13. דאָס עפּעלע פאלט ניט ווייט פון ביימעלע.

14. אז מען האָט די מאה האָט מען די דעה.

דירעקטיוו:

שרייבט איין סטענאגראפיע 5 שורות פון יעדן פון די אויבן-דערמאנטע שפריכווערטער זאצן און פארגלייכט די פינקטלעכקייט מיט דעם דערבייאיקן זייטל סטענאגראמעס.

שפריכװערטער




מײן װײטע, װײטע, אלטע הײם


װי װאלט איך צו דיר געצױגן!

װי לעבן עבט און ליכטיק העל


איך זע דיך איצט מיט מײנע אױגן!


איך ליג און האלט אלץ אין הערן


די ליפן ניט רײדן, איך בעט;

צו װעמען, איך דענק, װעט געהערן


מײן הײם, מײן העמד און מײן בעט


אין העלע לבנה׳קע העמדער,


גײען די טעג בײ מײן טיר;


פון נאענטע און װײטערע לענדער


יאגט זיך מײן רעיון צו דיר.

דירעקטיװ:
שרײבט סטענאגראפיש צען מאל פון יעדן פון די אױבן־אנגעגעבענע שורות.

פאראײנפאכטע פערזן פון באוואוסטע ײדישע פאָעטן

32

די קינדער טאנצן פײערלעך צו

און פּאטשן מיט די הענטעלעך,

און פון די לאָדן צים א ליכט

צו דינע, טונק'לע װענטלעך.

פון דער מיל א טײכל לויפט

צו דעם ים דעם װײטן

טאנצט און קנײטשט זיך אין איר װעג

דוכט זיך - רימער רײטן.

רציחה האָט געיאָגט, איז מען געגאנגען

געגאנגען װאו מען האָט געהײסן גײן;

די מאמע מיט די קינדערלעך באהאנגען

די קינדער מיט א ביטערן געװײן.

דירעקטיװ:

שרײבט סטענאגראפיש צען מאל פון יעדן פון די אויבן-אנגעגעבענע שורות.

א בריוועלע דער מאמען

33

ליבע מאמע:

יאָ, איך בין שוין טאקע אין קעמפּ „גן-עדן" און פיל זיך דאָ גאנץ גוט. עס איז דאָ אזוי רואיק, אזוי געמיטלעך: קענטיק אז איך האָב זיך געניי'טיקט אין רו, ווייל כאָטש איך רו דעם גאנצן טאָג בין איך ניט מיד פון רוען.

ווען א מענטש נעמט וואקאציע און פילט אז דאָס רוען וועט מעגלעך מאכן ווייטער צו ארבעטן און לעבן ווי אלע מאָל, טוט ער דאָס מיט פולן ווילן. אזוי, מאמע טייערע, ווען איך וועל קומען א היים, וועל איך זיך טאקע פילן פול מיט נייעם כוח צו באנייען מיין טאָג-טעגלעכן אָרט לעבן.

יאָ, די צייט לויפט און אָט אָט קום איך שוין א היים.

איך לייען דאָס בוך וואָס די מומע האָט דיר געגעבן און האָב פון דעם הנאה און איך דאנק איר.

דיין טאָכטער

א בריוועלע דער מאמען



פון מחבר ## פ א מ ע ל ע (א מעשהלע)

פאמעלע איז געווען א יתומהלע. זי געדענקט נעבעך ניט אירע עלטערן. זי האָט קיין מאָל ניט געפילט וואָס עס הייסט טאַטע מאַמע. זי איז אלע מאָל מקנה געווען די קינדער וואָס האָבן עלטערן. און ווען אָט די קינדער האָבן גערעדט צווישן זיך וועגן טאַטע-מאַמע האָט פאמעלע אַזוי מאָדנע געפילט:

אך ווי יונג זי איז געווען, ווען טאַטע-מאַמע איז שוין מער ניט געווען א טייל פון איר לעבן!

פאמעלע האָט געוואוינט ביי איר מומען. כאָטש די מומע איז געווען צו איר גוט און ליב, האָט דאָך פאמעלע געפילט, אז עס פעלט איר א מאַמע.

און אַזוי האָט דאָס קינד געבענקט טאָג און נאַכט. זי האָט געוואָלט האָבן אן אייגענע מוטער צו וועמען זי איז אן אייגן קינד

כאָטש איר הארץ איז געווען פול מיט אומעט , האָט זי דאָך אַזוי ליב געהאַט צו הערן ווי איר מומע רעדט פון די צייטן ווען איר מאַמע האָט געלעבט.

אָפט ווען זי איז געווען אליין אין הויז האָט זי געוויינט.

כלל:
איין ווערבן פון פארגאנגענער צייט ווערט דער ערשטער זילב „גע" פארשטאנען. למשל געווען שרייבט מען ...

פאמעלע (2)

אין איר יונג קעפעלע איז דער געדאנק געלאפן:

„וואס איינגנטלעך האב איך געטאן וואס גאט האט מיינע עלטערן צו זיך גענומען?"

און ביינאכט אין איר בעטעלע, איז זי געלעגן און געחלומט פון די ביטערע היטלער יארן. דער חלום האט איר אלע מאל וואך געמאכט און ווען זי איז וואך געווען האט זי ביטער געוויינט. איר מומע האט פון דעם פיל פיל געליטן כאטש העלפן האט זי ניט געקענט.

אין אן אוונט ווען איר מאן איז געקומען פון דער ארבעט האט זי מיט אים לאנג, לאנג גערעדט וועגן דעם.

„בנימין, איך וויל פאמעלען געבן א וואקאציע"

עס איז גאנץ מעגלעך אז עס וועט איר טאן א וועלט מיט גוטס.

בנימין האט אויך געהאט אן ענלעכן געדאנק. ער האט געפילט אז פאמעלע ליידט פון אומעט און האט טאקע געוואלט טאן אלץ וואס איז מעגלעך כדי צו העלפן דעם קינד.

האט ער ביי זיך געדענקט, אין קעמפ וועט פאמעלע באגעגענען אנדערע קינדער און וועט זיך באקענען מיט א נייער וועלט.

(2)

פ א מ ע ל ע (3)

און אין מאָנאט מאי איז שוין פאמעלע אין א קינדער קעמפּ, טאקע ניט ווייט פון איר וואוין אָרט, וואו זי וועט האָפנטלעך ווײלן עטלעכע וואָכן.

פאמעלע איז דאָס רוב אלײן. עס ציט זי איצט ניט צו די אנדערע קינדער. די לעצטע צוויי טעג בענקט זי אזוי אהײם! זי האָט קײן מאָל ניט געדענקט אז זי וועט אזוי בענקען, און איצט טוט איר טאקע טיף וויי וואָס זי האָט אזוי ווי געטאָן איר מוטער.

דאָס מײדעלע לעבן איר, אין אנדערן בעטעלע וואָס טײלט מיט איר איר געצעלט וויל פאמעלען קומען אנטקעגן און וויל איר העלפן זיך פילן גוט און היימלעך דאָ אין נייעם אָרט.

אויך דאָס מײדעלע האָט געבעך פיל, פיל געליטן פון היטלערן, פון דער געטאָ אין פוילן און פון דעם גאנצן ארט לעבן. זי וויל אפילו ניט ריידן וועגן די ביטערע צייטן און וועגן דער נויט און דעם פיין פון יענע יאָרן.

רוטעלע, אזוי הייסט דאָס מײדעלע, האָט ניט קײן מוטער. דער פאקט איז אז זי האָט קײנעם ניט. זי איז דאָ גאנץ אלײן און וואוינט אין א יתומים הויז. זי ~~פילט~~ זיך דאָ אזוי עלענד

(3)

(4)



פ א מ ע ל ע (4)

און ווען זי האָט גערעדט צו פאמעלען וועגן דעם אלץ איז פאמעלע געווען גערירט. און גערעדט האָבן די מיידעלעך צווישן זיך פיל, פיל אין דער צייט וואָס זיי ביידע האָבן געוויילט אין יענעם קעמפ.

די צייט איז זיך אזוי געגאנגען איר וועג, די טעג און וואָכן האָבן זיך גערוקט און פאמעלע האָט געפילט אז לאנג וועט זי שוין דאָ ניט קענען ווילן.

ווען זי איז ענדלעך אהיימגעקומען איז זי געווען אין גאנצן אן אנדערע. זי האָט קענטיק עטוואס געלערנט פון לעבן, געלערנט אז אויך אנדערע קינדער האָבן ניט אלצדינג און, ווי מיט א מאָל האָט זי געפילט אז זי איז געבענטשט פון דער נאטור — זי האָט דאָך אזא הארציקע מוטע, אזא פיינע, וואָס איז דאָך אזוי גוט און אזוי ליב צו איר:

און ווען בנימין איז אהיימגעקומען פון דער ארבעט האָט אים הנאה געטאָן וואָס פאמעלע האָט זיך באקאנט מיט רוטעלען און האָט אזוי פיל געלערנט אין דער צייט וואָס זי איז דאָרט געווען.

יאָ, די וואקאציע האָט פאמעלען געטאָן א וועלט מיט גוטס:

צווייטער טייל:

אינסטרוקציע בויגן
פרעפיקסן און סופיקסן רשימה
ווערטער און זאצן
עקזאמען
שפריכווערטער
פאראײנפאכטע פערזן

פּרעפיקסן און סופיקסן (פאַר-ווערטער און סוף-ווערטער)

אין ערשטן טייל האָבן מיר זיך פאַרנומען מיטן שורש (וואָרט-וואָרצל)
אין צווייטן טייל וועלן מיר אויסשליסלעך זיך אָפּגעבן מיט די פאַר-
ווערטער און סוף-ווערטער פון דער שפּראַך און אויפקלערן ווי אַזוי
מען דאַרף שרייבן סטענאָגראַפיש פּרעפיקסן און סופיקסן אין פאַר-
העלטעניש צום באַטרעפנדיקן וואָרט.

די פאַר-ווערטער ווי די סוף-ווערטער האָבן <u>לחלוטין</u> <u>קיין</u> <u>שום</u> <u>שייכות</u>
<u>ניט</u> מיט דער פּאָזיציע פונעם באַטרעפנדיקן וואָרט. זיי זיינען
צייכנס, אַ <u>פּערטל</u> די גרויס פונעם שטריך. מען קען זיי שרייבן
אינאיינעם מיטן וואָרט ווען דאָס איז באַקוועם און אַפּילו אָפּגעטיילט
דאָרט וואו עס איז ניט באַקוועם.

דערפאַרונג האָט באַוויזן אַז דער ווירקזאַמסטער אופן צו לערנען
די פאַר-ווערטער און סוף-ווערטער (פּרעפיקסן און סופיקסן) איז
צו פאַרבינדן זיי מיט דעם באַטרעפנדיקן וואָרט און גלייכצייטיק
אויך מיט אַ זאַץ.

<u>וויכטיקער כלל:</u>

**פּרעפיקסן, ווען באַנוצט ווי פּרעפּאָזיציעס,
ווערן געוויינטלעך געשריבן אויף דער שורה.**

<u>למשל:</u> גיי און גיב דאָס איר אַוועק

איך קום היינט אַריבער צו איר

ער לויפט אַהין אַרונטער צו אָפּט

**<u>וויכטיק:</u> דאָרט וואו אַ גאַנץ וואָרט איז דער שורש,
זיינען ניט חל פּרעפיקסן און סופיקסן.**

אויף די ווייטערדיקע זייטלעך זיינען אָנגעגעבן:

1) א רשימה פון די פּרעפיקסן און סופיקסן.

2) הונדערט ווערטער מיטן וואָרצל (שורש) ג יי ן

3) צו דריי ווערטער פון יעדן איינציקן פּרעפיקס און סופיקס
וואָס איז אָנגעגעבן אין דער רשימה.

4) זאַצן מיט ווערטער אַנטהאַלטנדיק פּרעפיקסן און סופיקסן.

פּרעפיקסן (פאַר־ווערטער)

פאַר, פּאַר

דער

אַן, אינ

צו, צע

קאַן, קאָן

קאַם, קאָם

אָפּ

באַ, בײַ

אײַנ

אַרײַנ

איבער

אַריבער

אויפ

אַרויפ

אום, אימ

אַרום

אונטער, אינטער

אַרונטער

אויסער

אויס

אַרויס

אַראָפּ

אַוועק

דורכ

נאָכ

צוזאַמענ

צונויפ

צוריק

פונאַנדער

זעלבסט

געשריבן לעבן שטריך

פאַר־ווערטער אַ העלפט די גרויס פון שטריך

אַנט, ענט

מיט

טאָפּלטע פאַר־ווערטער

אומבאַ

אַנצו

צוצו

וויכטיקער כּלל: ווען נאָכן פאַר־וואָרט קומט אַ „צו", ווערט נאַטירלעך צוגעגעבן דער פאַר־וואָרט „צו"

למשל: אײַנצו, איבערצו, אויפצו, אַוועקצו

איצטיקע צייט	פארגאנגענע צייט	אין צוזאמענהאנג מיטן סוף־ווארט
נאָכגיין	נאָכגעגאנגען	נאָכגייענדיק
פארבייגיין	פארבייגעגאנגען	פארבייגייענדיק
צונויפגיין	צונויפגעגאנגען	צונויפגייענדיק
צוריקגיין	צוריקגעגאנגען	צוריקגייענדיק
פונאנדערגיין	פונאנדערגעגאנגען	פונאנדערגייענדיק

וויכטיקער כלל:

דער צוגאב פון פרעפיקס „צו" צו א צווייטן פרעפיקס, פארמירט א דאָפלטן פרעפיקס.

למשל:

אָנצוגיין ____ צוצוגיין ____ אָפּצוגיין ____

איינצוגיין ____ אריינצוגיין ____ איבערצוגיין ____

אריבערצוגיין ____ אונטערצוגיין ____ ארונטערצוגיין ____

אויפצוגיין ____ ארויפצוגיין ____ אויסצוגיין ____

דער פרעפיקס V (ארײן) ווערט פארוואנדלט אין סופיקס Λ (דיק) ווען באנוצט ווי אזעלכעס און איז קעריק.

פרעפיקסן (פאר-ווערטער)

צונויפליגן צונויפקומען צונויפנעמען

צוזאמענקומען צוזאמענרופן צוזאמענעמען

פונאנדערפאלן פונאנדערנעמען פונאנדערלויפן

אנטלויפן אנטוויקלען אנטהאלטן

סופיקסן (סוף-ווערטער)

וויכטיקער כלל:

די "נ" ווערט אויסגעלאזן פארן סופיקס "הייט" "קייט" אדער "דיק"

מינדערהייט איבערגעבנקייט פייערלעכקייט

קומענדיק רופנדיק לעבנדיק

לייטונג מיטינג צייטונג

רייבונגען מיטינגען צייטונגען

וויטיק מאנטיק ריכטיק

לאיאליטעט קוואליטעט קוואנטיטעט

יידנטום רייכטום אייגנטום

פרעפיקסן און סופיקסן (פאר-װערטער און סוף-װערטער)

כדי צו אילוסטרירן דאס קאמבינירן פונעם װארצל-װארט מיטן פאר-װארט און סוף-װארט, נעמען מיר דא װי א ביישפיל איין װארט, דאס װארט „ג י ן" און געבן עס אן אין דער איצטיקער צייט און אין דער פארגאנגענער צייט און אין צוזאמענהאנג מיטן פאר-װארט און סוף-װארט:

/ג י ן/

איצטיקע צייט	פארגאנגענע צייט	אין צוזאמענהאנג מיטן סוף-װארט
פארגיין	פארגאנגען	פארגייענדיק
דערגיין	דערגאנגען	דערגייענדיק
אנגיין	אנגעגאנגען	אנגייענדיק
צוגיין	צוגעגאנגען	צוגייענדיק
אפגיין	אפגעגאנגען	אפגייענדיק
באגיין	באגאנגען	באגייענדיק
איינגיין	איינגעגאנגען	איינגייענדיק
אריינגיין	אריינגעגאנגען	אריינגייענדיק
איבערגיין	איבערגעגאנגען	איבערגייענדיק

פרעפיקסן און סופיקסן (פאַר-ווערטער און סוף-ווערטער)

49

איצטיקע צייט	פאַרגאַנגענע צייט	אין צוזאמענהאנג מיטן סוף-וואָרט
אריבערגיין	אריבערגעגאנגען	אריבערגייענדיק
אונטערגיין	אונטערגעגאנגען	אונטערגייענדיק 
ארונטערגיין 	ארונטערגעגאנגען	ארונטערגייענדיק
אויפגיין	אויפגעגאנגען	אויפגייענדיק
ארויפגיין	ארויפגעגאנגען	ארויפגייענדיק
אויסגיין	אויסגעגאנגען	אויסגייענדיק
ארויסגיין 	ארויסגעגאנגען	ארויסגייענדיק
אומגיין	אומגעגאנגען	אומגייענדיק
ארומגיין	ארומגעגאנגען	ארומגייענדיק
אוועקגיין 	אוועקגעגאנגען	אוועקגייענדיק
אראפגיין	אראָפּגעגאנגען	אראָפּגייענדיק
דורכגיין	דורכגעגאנגען	דורכגייענדיק

פרעפיקסן (פאר-ווערטער)

אונטערקומען	אונטערהאלטן	אונטערלײגן
ארונטערפאלן	ארונטערנעמען	ארונטערקומען
אויפקומען	אויפלעבן	אויפנעמען
ארויפלײגן	ארויפרוקן	ארויפטאָן
אומקום	אומפאלן	אומקערן
ארומרײדן	ארומטאנצן	ארומנעמען
אויסטאָן	אויסמײדן	אויסטײטשן
דורכמאכן	דורכלויפן	דורכקומען
נאָכלויפן	נאָכטאָן	נאָכקומען
ארויספאלן	ארויסרופן	ארויסרײדן
אוועקפאלן	אוועקמאכן	אוועקלײגן
אראָפדינגען	אראָפפאלן	אראָפלויפן
צוריקציִען	צוריקבאפן	צוריקלויפן

פּרעפיקסן (פאַר-ווערטער)

ווי א בײַשפּיל געבן מיר דאָ אַן עטלעכע ווערטער פון יעדן פאַר-וואָרט און סוף-וואָרט.

פאַרקומען	פאַרלויפיק	פאַרבאַדינג
פאַרטאָן	פאַרלײקן	פאַרנעם
אָנלײגן	אָנפאַנג	אָנרעגן
צוגעבן	צוטוליען	צורײדן
אָפּקומען	אָפּלאַכן	אָפּטאָן
באַגאַנגען	באַנעמען	בײקומען
קאָמפּאַניע	קאַנדידאַט	קאָנטאַקט
אײַנלאַדן	אײַננאַמע	אײַנלײגן
ארײַנקומען	ארײַנרופן	ארײַנפאַלן
איבעררײדן	איבערוועגן	איבערטאָן
אריבערכאַפּן	אריבעריאָגן	אריבערנעמען

פאר___איך קען דאס מער ניט פארנעמען.

פאר___דאס איז פארגעקומען נעכטן פארנאכט.

דער___זיי אזוי גוט און דערלאנג דאס אים.

אנ___איך וועל ווייטער אנגיין מיט מיין ארבעט.

אינ___דאס קען מען אנרופן אן אינטים ווינקל.

צו___דאס איז ניט מער ווי א צוגאב צום בוך.

צע___זיי האבן דאס צעטיילט צווישן די קינדער.

אפ___איך וויל אים ניט אפריידן פון דעם.

בא___איך וועל זיך באמיען דאס צו טאן אזוי.

ביי___דאס איז א וועכנטלעכע ביילאגע.

קאנ___איך קום מיט זיי אפט אין קאנטאקט.

קאנ___דאס מאל איז ער דער קאנדידאט.

קאמ___איך וועל דאס שוין ווי ניט איז קאמבינירן.

קאמ___דער קאמפּיין פון דזשוינט איז איצט אין פולן גאנג.

פאר

פאר

דער

אנ

אינ

צו

צע

אפ

בא

בײ

קאנ

קאנ

קאמ

קאמ



ס ו פ י ק ס ן (סוף־הערמער)

ונג, ינג

ונגען, ינגען — (געשריבן אפגעטײלט אין דער להיפּכדיקער ריכטונג פון שטריך

הײט, קײט — (געשריבן ווי עס איז באקוועמער)

דיק, דיקע — (געשריבן ווי עס איז באקוועמער, קעריק)

דיקן, דיקט

טיק, טעק

טיקן, טיקע

טעט

טום, טים

יזם

שאפט

נען (נם)

סם–זם

אַלאָגיע — (געשריבן אפּגעטײלט גלײך לעבן לעצטן שטריך.)

רײך

ציע

גאָג

טשיק

לעך

לעבן, לעבט

ניש — הערט באצײכנט דורך שרײבן דאָס האַטשיקל „נ" ברײטער און אַרײנפּאַסן אינעווײניק דאָס רינגעלע „ש".

למשל:

דערלויבעניש, טעכניש, גדעכעניש, לאַטײניש, ראַנגלעניש, רעטעניש, קענטעניש, מעכאַניש

מ = ווערטער וואָס אנטהאַלטן מער ווי צוויי שטריכן און ענדיקן זיך אין „מ" פאַרפערטלט מען דעם באַטרעפנדיקן „מ"

למשל: מעמאָראַנדום, רעפערענדום, פאָדעם, רעזשים

ציוניזם	אידעאליזם	ארגאניזם
ליבשאפט	בענקשאפט	מוטערשאפט
